Historical Jewish Press (JPress) of the NLI & TAU

**פֿאָרווערטס, 23.09.1962, page S5**

# אַ סענסאַציאָנעלער סעקס־ראָמאַן אין העברעאיש

**אַ ראָמאַן פול מיט סעקס און פּערווערזיטעט איז געוואָרן אַ „בעסט סעלער“ אין ישראל. — דער שרייבער איז אַ 23־יעריגער סאַברא, אַן אייניקעל פון דעם באַרימטן העברעאישן שרייבער מיכה יוסף בערדיטשעווסקי.**

## פון מענדעל מאַזעס

(רמת גן, ישראל)

פּאָרנאָגראַפיע, פאַרטײַטשט דער באַרימטער ענגלישער וועבסטער ווערטער־בוך, איז 1) די אורשפּרינגליכע באַצייכענונג פון פּראָסטיטוטקעס און זייער פאַר און 2) שריפטן, בילדער און דאָס גלייכן, וואָס האָבן דעם ציל אַרויסצורופן סעקסועלע אויפרעגונג.

פאַר אַמאָליגע לייענער פון לשון־קודש'דיגע ראָמאַנען איז פּאָרנאָגראַפיע געווען אַ ניט־באַקאַנטער באַגריף. די העלדן פון „אהבת ציון“ און „אהבת שומרון“ פון אברהם מאַפּו, אָדער „שתי הקצוות“ פון ראובן אשר ברוידס און אַנדערע העברעאישע „גלות“־שרייבער האָבן ניט גערעדט וועגן סעקס. פאַר זיי איז ליבע געווען „די טאָכטער פון הימעל“. איצט, ווען דאָס פאָלק זיצט שוין אין ציון, האָבן מיר שוין אויך שונד ראָמאַנען אין דער שפּראַך פון די נביאים.

„די זיסע און אויסערגעוויינליכע“ אַ ראָמאַן פול מיט סעקס און פּערווערזיטעט האָט זיך אַקאָרשט באַוויזן אויף דעם ישראל'דיגן ביכער־מאַרק. דאָס בוך איז ערשינען אין העברעאיש פאַר'ן היימישן געברויך און אין ענגליש „פאַר עקספּאָרט“. דער מחבר פון ראָמאַן איז עדוא בן־גריון, אַ 23־יאָריגער סאַברא און אייניקעל פון באַרימטן העברעאישן שרייבער מיכה יוסף בערדיטשעווסקי וועלכער האָט אין די שפּעטערדיגע יאָרן פון זיין לעבן געטוישט זיין נאָמען אויף בן־גריון.

די העלדן פון ראָמאַן וואַלגערן זיך כסדר אין בעטן און די קנאַפּע 200 זייטן פון „די זיסע און אויסערגעוויינליכע“ זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט רייד און „בילדער“, פון וועלכע אַ קאָזאַק וואָלט רויט געוואָרן. דער שרייבער, פאַר וועמען העברעאיש איז מאַמע־לשון און באַהערשט גוט דעם מאָדערנעם עברית באַנוצט אָבער אַלע ווילדע סלענגס פון היינטיגן העברעאיש, כדי צו געבן דעם ראָמאַן מער „קאָליר“. יעדע „זי“ פון ראָמאַן איז אַ „חתיכה“, וואָס אין אידיש מיינט דאָס אַן אויסגעלאַסענע מויד. יעדער „ער“ ווידער איז אַ „חתוך“, אָדער אַ גואף, אַ דאָן־זשואַן.

דער סיפּור־המעשה פון „ראָמאַן“ איז וועגן אַ יונגענמאַן פון תל אביב מיט'ן נאָמען יורם, וואָס איז פאַרליבט אין אַ מיידעל, וועלכע איז קראַנק אויף קענסער. ער פליט קיין פּאַריז כדי זיך „פאַרגעסן“. אין פּאַריז וואַרט אויף אים אַן אַמעריקאַנער פריינט דזשערי, אַ סטודענט, וועלכער באַקומט גענוג געלד, אַז ביידע העלדן זאָלן קענען פירן אַ הולטייסקן לעבן.

געהענדיג פון בעט צו בעט באַגעגנט זיך יורם אין פּאַריז מיט אַ דייטשקע. ער זעהט ניט אין דער דייטשקע קיין שום אונטערשיד צווישן איר און די אידישע מיידלעך, מיט וועלכע ער „פאַרברענגט“. די דייטשקע, אורסולאַ, געפעלט אים אפילו מער ווי די אַנדערע „חתיכות“ און ער פאַרליבט זיך אין איר. דער אַמעריקאַנער חבר זאָגט אים, אַז דאָס איז ביי אים אַ מין אומבאַוואוסטזיניגער נקמה־אַקט ווייל זי איז אַ דייטשקע און ער זוכט אַ געלעגנהייט צו „שענדן“ אַ נאַציכע. דער תל־אביב'ער יורם וויל פון דעם ניט וויסן. ער זאָגט, אַז דאָס איז אַ אידיאָטסטווע. ער פאַרזיכערט זיין אַמעריקאַנער פריינט, אַז ער איז אין דער דייטשקע אויף אַן אמת פאַרליבט. די דייטשע „חתיכה“ האָט אָבער אַ צווייטן געליבטן, אַ פראַנצויז פון דער אַלזשירער אַרמיי, וואָס דערהרג'עט יורם'ען.

די דיאַלאָגן צווישן די צוויי הויפּט־העלדן אין פּאַריז דרעהען זיך כסדר אַרום די „חתיכות“, וועלכע זיי פאַרנאַרען אין זייערע האָטעל־צימערן און די ווילדע פּערווערזע־אָרגיעס, וואָס קומען דאָרט פאָר און אויף גאַנצע זייטן זייענען באַשריבן אַלע איינצעלהייטן פון סעקסועלע איבערלעבונגען.

דערצעהלענדיג זיין אַמעריקאַנער חבר וועגן זיין געוועזענער „חתיכה“ אין תל אביב, וועלכע איז געשטאָרבן פון אַ קענסער, זאָגט יורם, אַז ער האָט זי אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, אַז אין משך פון אַ גאַנץ יאָר האָט ער זי פאַרראַטן... בלויז 6 מאָל. יורם איז אָבער אַן „אידעאַליסט“ און ער האָט אינזינען ניט בלויז זיין אייגענע תאווה. ער וויל אַז אויך אַנדערע זאָלן וויסן, וואָס עס קומט פאָר אין די בעטן און וואָס ער און די „חתיכות“ האָבן איבערגעלעבט. ער איז געפאַלן אויף אַ „געניאַלן“ געדאַנק צו געבן רעקאָרדס פון דעם שווערן אָטעמען פון יעדער „חתיכה“. ער האָט געלאָזט אוועקשטעלן אַ רעקאָרדער נעבן זיין בעט און ער פאַסמאַקעוועט זיך שוין מיט די מיליאָנען, וואָס אַזאַ פילם וועט אַריינברענגען.

דער צווייטער העלד פון „ראָמאַן“, דזשערי, איז אַ פּראַקטישער אַמעריקאַנער. ער איז ניט אַזוי „ראָמאַנטיש“ ווי זיין תל־אביב'ער פריינט. דזשערי האָט פיינט „פילאָזאָפיע“. זיין טעאָריע איז, אַז פון זיין מיט איין „חתיכה“ צוזאַמען צוויי נעכט האָט מען בלויז צרות.

עדוא בן־גריון האָט געענדיגט אַ שולע אין תל־אביב, געדינט אין דער ישראל־אַרמיי און האָט איבערגעזעצט אויף העברעאיש איינציגע פּיעסען פון ענגליש פאַר'ן „אהל“ טעאַטער. „המתוקה והמפלאת“ איז זיין ערשט בוך. די העברעאישע אויפלאַגע איז געוואָרן אַ „בעסט סעלער“ און איז אויסגעפאַרקויפט. דער מחבר זאָגט, אַז דער ראָמאַן וועט אינגיכן ווערן געפילמט. דער סצענאַר ווערט שוין באַאַרבעט.